**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**מאכן אינוועסטירונגען אין די בראנקס: גאווערנער האקול אנאנסירט שטיצע פאר נייע 'סעיפטי נעט' שפיטאל שותפות און סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן אין די בראנקס און אריבער די סטעיט**

***ערשטיגע באשטעטיגונג וועט צושטעלן ביז 142 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג אין שותפות צווישן St. Barnabas Hospital Health System, Cityblock Health און Union Community Health Center***

***St. Barnabas Hospital Health System's עמערדזשענסי רום – וואס באקומט 75,000 באזוכן פער יאר – צו מאדערניזירט ווערן***

***St. Barnabas Hospital Health System באקומט א 'העלטקעיר סעיפטי נעט טראנספארמאציע פראגראם' גרענט***

***גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט שלאגט אויך פאר 45 מיליאן דאלאר פאר היים-באזירטע און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן***

***בילדער פון גאווערנער Hochul פרעזענטירנדיג א טשעק פאר St. Barnabas שפיטאל זענען פארעפנטליכט אויף [די גאווערנער'ס Flickr בלאט]***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט סטעיט אינוועסטירונגען אין א נייע שותפות (SBH) St. Barnabas Hospital Health System, Cityblock Health און Union Community Health Center. די ערשטיגע באשטעטיגונג איז טייל פון דעם 'העלטקעיר סעיפטי נעט טראנספארמאציע' (Healthcare Safety Net Transformation) פראגראם, און עס רעכנט אריין ביז 142 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג אין די בראנקס, אין אנערקענונג פון די קריטישע סערוויסעס וואס די געזונטהייט איינריכטונגען שטעלן צו פאר איינוואוינער פון די בראנקס און פון דעם ברייטערן ראיאן. די היינטיגע אנאנסירונג פאלגט נאך די באדייטנדע שטאפלען וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט אונטערגענומען צו פארבעסערן די געזונטהייט פון ניו יארקער. אוועקגעשטעלט דורך די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 — גיבט דער העלטקעיר סעיפטי נעט טראנספארמאציע פראגראם אן אנרייץ פאר 'סעיפטי נעט' שפיטעלער און העלט קעיר ארגאניזאציעס צו מאכן שותפות'ן צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון 'סעיפטי נעט' אינסטיטוציעס.

"איך בין פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז יעדער איינער האט צוטריט צו אפּאָרדעבעל און פארלעסליכע העלטקעיר, אפגעזעהן פון וואו זיי וואוינען", **האט גאווערנער קעטי האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן היינט וועלן זיכער מאכן אז לעבנסוויכטיגע מיטלען זענען דא צו באקומען פאר די בראנקס קאמיוניטי פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

די גאווערנער האט אויך ארויסגעהויבן איר פארשלאג צו צולייגן נאך 45 מיליאן דאלאר פאר היים-באזירטע און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן אריבער די סטעיט, העלפנדיג עלטערע ניו יארקער זיך צו פארעלטערן אין די סביבה וואס זיי וועהלן זיך אויס און זיכער מאכנדיג אז די וואס גיבן זיך אפ מיט זיי און זייערע פאמיליעס האבן די מיטלען צו קענען ערפילן זייערע באדערפענישן.

**St. Barnabas Hospital (SBH) Health System פרעזידענט און CEO, Dr. David Perlstein (דר. דעיוויד פערלסטין), האט געזאגט,** "מיר קוקן ארויס צו פארשטערקערן אונזערע שותפות'ן מיט UCHC און Cityblock. די פינאנצירונג וועט זיין טראנספארמאטיוו פאר די וועג וויאזוי מיר שטעלן צו קעיר פאר אונזער קאמיוניטי. אונזער עמערדזשענסי רום איז אפט אונזער פאדערשטע טיר וואו מיר באהאנדלען אונזערע שכנים אין זייערע שווערסטע צייטן. טראנספארמירן די פלאץ וועט אונז העלפן באדינען מער פאציענטן און זיי באדינען אין א מער בכבוד'דיגע וועג. איך וויל באדאנקען גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), קאמישאנער McDonald (מעקדאנעלד) און אלע אונזערע פארטרעטער אין די NYS לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע, איבערגעגעבנקייט און פירערשאפט ביים דאס אריבערפירן."

**CEO און פון די גרינדער פון Cityblock Health, Dr. Toyin Ajayi (דר. טויאין אדזשאי), האט געזאגט,** "Cityblock'ס מיסיע צו צושטעלן העלטקעיר וואס איז 'ראדיקאל' אנדערש, געבויט אויף צוטרוי, מיטגעפיהל און פארשטאנד האט זיך אנגעהויבן אט דא אין די קאמיוניטיס פון ניו יארק סיטי. מיר לויבן אויס גאווערנער Hochul (האקול) פארן אוועקשטעלן דעם טראנספארמאטיוון פראגראם וואס איז אין איינשטימונג מיט אונזער מיסיע — פארגרינגערנדיג צוטריט צו קעיר, פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון קעיר און טרייבן פאר בעסערע רעזולטאטן פאר די וועלכע נויטיגן זיך דאס מערסטע דערין. די בראנקס קאמיוניטי, וועם מיר באדינען דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט די St. Barnabas שפיטאל, וועט פיל בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אינוועסטירונג סיי אין עמערדזשענסי רום קעיר און אזוי אויך אין קריטישע גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין און קעיר מענעדזשמענט סערוויסעס. מיט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט'ס שטיצע, וועלן Cityblock און St. Barnabas זיך קענען קאנצענטרירן צו פארבעסערן געזונטהייט רעזולטאטן פאר טויזנטע בראנקס איינוואוינער."

**פרעזידענט און טשיף עקזעקיוטיוו אפיסער פון Union Community Health Center, Douglas L. York (דאגלעס ל. יארק), Ph.D., M.P.H., האט געזאגט,** " Union Community Health Center (UNION) דרוקט אויס א גרויסע הכרת הטוב און דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול), און עס אפלאדירט איר פארפליכטונג צו פארמערן צוטריט צו העלטקעיר אין די בראנקס און אריבער ניו יארק סטעיט. די אינוועסטירונג אין UNION אנערקענט די קריטישע ראלע וואס שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן שפילן ביים אהערשטעלן קאמיוניטי-באזירטע קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר אונזערע שוואכסטע באפעלקערונגען. דורכן שטיצן 'סעיפטי נעט' פראָוויידערס ווי UNION און SBH Health System, אין צוזאמענארבעט מיט פריוואטע ארגאניזאציעס וועלכע האבן ענליכע מיסיעס, ווי Cityblock Health, טוט ניו יארק סטעיט זיכער מאכן אז פאמיליע מעדיצין אויף די 'פראנט ליניעס' פארבלייבט א יסוד פון אונזער העלטקעיר סיסטעם. קאמיוניטי העלט צענטערן דינען אלס א פארטרויליכע מיטל, אדרעסירנדיג געזעלשאפטליכע געביטן וועלכע זענען משפיע אויף די געזונטהייט און האלטנדיג פאציענטן געזונט, אקטיוו פארמישט אין זייער קעיר און צוקומענדיג צו פארמיידנדע סערוויסעס וועלכע רעדוצירן קאסטליכע קאמפליקאציעס און פארבעסערן לאנג-טערמיניגע געזונטהייט רעזולטאטן. אפצאלן חובות ערלויבט פאר UNION צו צוריק אינוועסטירן באדייטנדע סומעס אין גאר-נויטיגע פאמיליע מעדיצין און ספעציאליסטישע סערוויסעס, אויסברייטערנדיג צוטריט און פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון קעיר פאר די קאמיוניטיס וועם מיר באדינען. Union Community Health Center קוקט ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע שותפים צו פאראויס שטופן די איניציאטיוו און אויסברייטערן צוטריט צו גערעכטע, ארומנעמיגע העלטקעיר פאר אלע."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "די St. Barnabas שפיטאל איז געווען די ערשטע שפיטאל וואס איך האב באזוכט אלס העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, און עס מאכט מיר שטאלץ צו זעהן אז די שפיטאל זעצט פאר זיך צו פארבעסערן און צו צושטעלן קריטישע סערוויסעס פאר בראנקס איינוואוינער. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנטשיידענע פארפליכטונג צו צושטעלן לעבנסוויכטיגע סערוויסעס פאר שוואכערע קאמיוניטיס און פארבעסערן די געזונטהייט פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging) דירעקטאר, Greg Olsen (גרעג אלסען), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) אנערקענט די אומגעהויערעביישטייערונגען פון עלטערע מענטשן צו קאמיוניטיס אין די בראנקס און אריבער די סטעיט. די גאווערנער'ס בודזשעט און 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אגענדע שטופן פאראויס היסטארישע פינאנצירונג העכערונגען פאר קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס צו העלפן מענטשן עררייכן דאס וואס מיר ווילן אלע ווען מיר ווערן עלטער: צו בלייבן אומאפהענגיג אין די קאמיוניטי וואס מיר וועהלן זיך אויס. די אינוועסטירונגען ווערן צוזאמגעפארט מיט אמביציעזע מאסנאמען פאר אפארדעביליטי, זיכערהייט און געזונטהייט וועלכע שאפן נייע געלעגנהייטן פאר עלטערע מענטשן – און פאר מענטשן פון יעדע עלטער – צו מצליח זיין."

**Union Community Health Center און Cityblock Health ,SBH Health System**

דורך א שותפות מיט Cityblock Health און Union Community Health Center, וועט SBH Health System פארבעסערן געזונטהייט רעזולטאטן און רעדוצירן אומנויטיגע עמערדזשענסי רום באזוכן בשעת'ן אויך העלפן צושטעלן פאר די בראנקס קאמיוניטי מער צוטריט צו לאקאלע גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין סערוויסעס. פלענער רעכענען אריין אנהייבן א ווערס-באזירטע מיטארבעט צו פארוואלטן די קאמפלעצירטע געזונטהייט געברויכן פון ארום 35,000 העלטפירסט מעמבערס - 50 פראצענט פון וועם האבן אויפירונג געזונטהייט געברויכן. דער פראיעקט וועט ארייננרעכענען א מאדערניזירונג צו St. Barnabas'ס עמערדזשענסי רום, וואס נעמט יעצט אריין 75,000 באזוכן יעדעס יאר אין א פלאץ וואס איז אויסגעשטעלט צו אקאמאדירן נאר 55,000 באזוכן יערליך.

**'העלטקעיר סעיפטי נעט טראנספארמאציע פראגראם' גרענט**

גאווערנער Hochul (האקול) האט אוועקגעשטעלט דעם 'העלטקעיר סעיפטי נעט טראנספארמאציע פראגראם' אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, און זי האט אנאנסירט נאך פינאנצירונג פאר דעם פראגראם אין איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אדרעס. דורך דעם פראגראם, מוטיגט ניו יארק שותפות'ן צווישן 'סעיפטי נעט' שפיטעלער און העלט קעיר שותפים וואס פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט פון 'סעיפטי נעט' אינסטיטוציעס דורכן צושטעלן סטראטעגישע שטיצע פאר אינפראסטרוקטור און אפעראציעס, אין צוגאב צו די נויטיגע בויגזאמקייט אין רעגולאציעס.

**אויסברייטערן פינאנצירונג פאר היים-באזירטע און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן**

גאווערנער Hochul (האקול)'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 שטעלט צו 45 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר נישט-מעדיצינישע היים-באזירטע און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן — די גרעסטע אינוועסטירונג אין קאמיוניטי-באזירטע פארעלטערונג סערוויסעס אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע. די פינאנצירונג וועט העלפן מער עלטערע מענטשן זיך פארעלטערן אין די סביבה וואס זיי וועהלן זיך אויס און צושטעלן הילפס-מיטלען אויף וועלכע זייערע פאמיליעס און מענטשן וואס גיבן זיך אפ מיט זיי זענען אנגעוויזן. עס וועט אויך העלפן פארקורצערן די ווארט ליסטעס אויף וועלכע פילע עלטערע מענטשן אריבער די סטעיט ווארטן פאר היים סערוויסעס ווי געליפערטע מאלצייטן, פערזענליכע קעיר און קעיס מענעדזשמענט.

**סטעיט סענאטאר Luis R. Sepúlveda (לואיס ר. סעפּאלווידע) האט געזאגט,** "איך וויל אויסדרוקן מיין טיפסטע הכרת הטוב פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די געזונטהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער, באזונדערס די אין קאמיוניטיס מיט ווייניגער סערוויסעס ווי די בראנקס. איך בין שטאלץ געווען צו ארבעטן זייט ביי זייט מיט די גאווערנער צו זיכער מאכן אז SBH ווערט אויסדערוועהלט פאר די סעיפטי נעט טראנספארמאציע איניציאטיוו (Safety Net Transformation Initiative). דורך די קריטישע איניציאטיוו, און בשותפות מיט Cityblock Health און Union Community Health Center, וועט SBH באקומען קריטישע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן באדייטנד פארבעסערן קעיר פאר אונזער קאמיוניטי. די פארבעסערונגען, אריינרעכנענדיג מאדערניזירונגען צו די עמערדזשענסי רום, וועלן האבן א דירעקטע פאזיטיווע השפעה אויף די טויזנטע בראנקס איינוואוינער וועלכע פארלאזן זיך אויף SBH פאר זייערע העלטקעיר באדערפענישן. איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע טויש וואס אלע די איניציאטיוון וועלן ברענגען פאר די בראנקס און נאך ווייטער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Yudelka Tapia (יודעלקא טאפּיא) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן צוטיילן איבער 140 מיליאן דאלאר פאר די St. Barnabas שפיטאל דורך דעם סעיפטי נעט טראנספארמאציע פראגראם גרענט. די פינאנצירונג וועט מאכן טראנספארמאטיווע פארבעסערונגען צו די SBH עמערדזשענסי רום און אויסברייטערן שותפות'ן מיט אנדערע קאמיוניטי ארגאניזאציעס. בראנקס איינוואוינער וועלן קענען צוקומען צו מער העלט קעיר סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט דורך די אינוועסטירונגען."

**אסעמבלי מיטגליד John Zaccaro, Jr. (דזשאן זאקאראָו דזשוּניאר) (אסעמבלי דיסטריקט 80) האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג דורך גאווערנער Hochul (האקול) צייכנט אפ די אנהויב פון א לאנגע שלאכט צו פארבעסערן די געזונטהייט פון אונזער בראנקס קאמיוניטי אויף א ממשיות'דיגע פארנעם און ערלויבן אונזערע עלטערע מענטשן צו זיך פארעלטערן מיט כבוד און רעספעקט אין די סביבה וואס זיי וועהלן זיך אויס. איך וויל באדאנקען די גאווערנער פארן אינוועסטירן אין אונזער אפט-פארגעסענע קאמיוניטי צו זיכער מאכן אז צוקונפטיגע דורות לעבן געזונטערע לעבנס און אז אונזער טייער געהאלטענע עלטערע באפעלקערונג און די וואס גיבן זיך אפ מעט זיי האבן די הילפס-מיטלען וואס קומען זיך זיי."

**SEIU United Healthcare Workers East1199 ארבייטער יוניאן פרעזידענט, George Gresham (דזשארדזש גרעשעם), האט געזאגט,** "דאס אינוועסטירן אין אונזערע 'סעיפטי נעט' שפיטעלער, היים קעיר און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס איז קריטיש צו רעדוצירן העלטקעיר אומגלייכקייטן און שטיצן די וואוילזיין פון ניו יארקער אין יעדע עלטער. די קעיר ארבייטער פון SEIU1199 אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) פאר די איניציאטיוו וואס ברענגט קריטישע פינאנצירונג צו ערפילן די באדערפענישן פון בראנקס איינוואוינער."

די אינוועסטירונגען ערגענצן אנגייענדע ארבעט דורך די סטעיט און פארמישטע קערפערשאפטן צו אויפקומען מיט די גאווערנער'ס 'מייסטער פלאן פאר פארעלטערונג' (Master Plan for Aging, MPA), וואָקגעשטעלט דורך גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) אונטער עקזעקיוטיוו ארדער 23 אין נאוועמבער פון 2022 מיט די ציהלן צו פארבעסערן די לעבנס פון עלטערע ניו יארקער און מענטשן מיט דיסאביליטיס היינט און צו אויפבויען א בעסערע סיסטעם פון קעיר און מער אריינגעמיגע קאמיוניטיס פאר די צוקונפט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן